**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגטע איסברייטערונג פון האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן מיט 70 יוניטס אין וועסטשעסטער קאונטי**

***38 מיליאן דאלארדיגער איבערבויאונג פראיעקט לייגט צו 40 יוניטס צו 50-יאר-אלטע Manhattan Avenue Senior Apartments אין טאון אָוו גרינבורג***

***טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט נעבן באס און באן סטאנציעס וועלן צושטעלן ערשטקלאסיגע באקוועמליכקייטן פאר עלטערע מענטשן פון 62 און עלטער, אריינרעכענענדיג קאמיוניטי פלאץ און פארקינג אויף די אונטערשטע שטאק***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס לאנג-טערמיניגע סטראטעגיע צו פארגרעסערן ניו יארק'ס האוזינג מארקעט – אריינרעכענענדיג האוזינג פאר שוואכערע באפעלקערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Manhattan Avenue Senior Apartments מיט 70 יוניטס אין די טאון אָוו גרינבורג, וועסטשעסטער קאונטי. די נייע דעוועלאפמענט האט ערזעצט א פארעלטערטע פעדעראלע פובליק האוזינג איינריכטונג פאר עלטערע מענטשן מיט 30 יוניטס וואס איז געבויט געווארן אין 1972, און עס האט אויסגעברייטערט די קאמפלעקס מיט נאך 40 אפארטמענטס.

"די טראנספארמאציע פון די Manhattan Avenue Senior Apartments וועט העלפן עלטערע מענטשן צוקומען צו זיכער, פארזיכערטע און אפאָרדעבעל היימער אין וועסטשעסטער קאונטי, און עס וועט ערמעגליכן פאר לאנגיאריגע איינוואוינער צו פארבלייבן אין זייערע קאמיוניטיס, נאענט צו פריינט און פאמיליע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן שטיצן די איבערבויאונג פון די דעוועלאפמענט, טוט מיין אדמיניסטראציע פארשטערקערן איר איבערגעגעבנקייט צו נוצן יעדע סטראטעגיע וואס מיר קענען צו עפענען ניו יארק'ס פאטענציאל מיט האוזינג און געבן פאר אלע ניו יארקער – אריינרעכענענדיג אונזערע עלטערע מענטשן – די היימער וואס קומען זיך זיי."

אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) געבויט אדער פרעזערווירט 1,500 אפאָרדעבעל היימער אין וועסטשעסטער קאונטי. Manhattan Avenue Senior Apartments זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט בויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Manhattan Avenue Senior Apartments איז אן איינצלנע דריי-שטאקיגע געביידע מיט 70 אפּארטמענטס פאר ערוואקסענע פון 62 און עלטער. די נייע געביידע ערזעצט זעקס חרוב'ע געביידעס וואס זענען אריגינעל געבויט געווארן אלס האוזינג פאר עלטערע מענטשן דורך די פעדעראלע דעפּארטמענט פון האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג ( Department of Housing and Urban Development) אין 1972, און עס איז אויפגעהאלט געווארן דורך די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט. עקזיסטירנדע טענאנטס זענען אריבערגעפירט געווארן דורכאויס קאנסטרוקציע און האבן זיך יעצט צוריקגעקערט צו וואוינען אין די נייע קאמפלעקס.

מיטגעטיילטע געביידע איינריכטונגען רעכענען אריין א צימער צו וואשן וועש אויף די ערשטע שטאק, א קאמפיוטער צימער, א קאמיוניטי צימערא גרויסע לאבי און א קאמערציעלע קיך. עס זענען דא 43 פארקינג פלעצער אויף די אונטערשטע שטאק אוועקגעלייגט פאר די טענאנטס.

די דעוועלאפּמענט איז דעזיינט געווארן צו נאכקומען די 2015 Enterprise Green Communities סטאנדארטן. די דעוועלאפּמענט רעכנט אריין ענערגיע-שפּארזאמע אייגנשאפטן ווי Energy Star אפּלייענס און וואסער-שפּארנדע פלאמבינג איינריכטונגען מיט א נידעריגע פלוס.

די דעוועלאפּמענט מאנשאפט איז Georgica Green Ventures, LLC בשותפות מיט די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט.

Manhattan Avenue Senior Apartments געפונט זיך סיי נעבן א לאקאלע באס רוט און נעבן א מעטראָו נאָרט באן סטאנציע. עס איז מינוטן צו גיין פון גרויסע געשעפטן, א גרויסע שאפּינג צענטער, העלט קעיר און א לאקאלע פארק. אין צוגאב שטייט Manhattan Avenue Senior Apartments נעבן די Theodore H. Young קאמיוניטי צענטער וואו עס ווערן אפּגעהאלטן חינוך'דיגע, קולטורישע און פארוויילונג געשעענישן, אריינרעכענענדיג שווימען, שאפּינג אויספלוגן, געזעלשאפטליכע קלאָבס, געשעענישן און אן עסנווארג שראנק.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 37.7 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפּמענט רעכנט אריין 5.3 מיליאן דאלאר אין באנדס וואס זענען פטור פון טעקס, 14.3 מיליאן דאלאר אין נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 14.7 מיליאן דאלאר אין סאָבסידי פון HCR.

**HCR קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "די נייע 38 מיליאן דאלארדיגע Manhattan Avenue Senior Apartments מיט 70 היימער ווייזט ארויס די איבערגעגעבנקייט וואס די קאמיוניטי האט מיטגעטיילט בים האלטן די פלאץ געהיטן פאר אפּאָרדעבעל הייזער פאר עלטערע ניו יארקער. די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט און Georgica Green Ventures האבן מער פון געטאפּלט די קאפאציטעט פון די דעוועלאפּמענט בשעת'ן היטן אויף די גרויסקייט פון די פלאץ און די אפענע שטח, אויפווייזנדיג אז גוטע דעזיין און אן איבערגעגעבנקייט צו העלפן לייזן אונזער האוזינג קריזיס ארבעטן גוט צוזאמען."

**סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטואַרט-קאָזינס האט געזאגט,** "אלס סטעיט סענאט מאיאריטעט פירערין, ארבעט איך צו אהערשטעלן פינאנצירונג וואס קען אויספלאסטערן די וועג פאר שותפות'ן צווישן האוזינג אויטאריטעטן און דעוועלאפּערס, צו מאכן אז מער פון די יוּניטס זאלן געבויט ווערן און זיין אויפן מארקעט פאר האוזינג פאר עלטערע מענטשן און פאר די ארבעטסקראפט. איך בין שטאלץ אז די סטעיט האט צוגעשטעלט מער פון 34 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן דעם פראיעקט דורך באנדס, סאָבסידי און טעקס קרעדיט עקוויטי. די סטעיט לעגיסלאטור, גאווערנער האקול און NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל זענען איבערגעגעבן צו אונזער געמיינזאמע ציהל צו בויען די אפּאָרדעבעל האוזינג וואס ניו יארקער אריבער אונזער סטעיט פארדינען זיך און פארלאנגען. איך בין דערפריידט צו

זעהן אז אונזערע באמיאונגען האבן געפירט צו רעזולטאטן אין גרינבורג דא אין די 35'סטע סענאט דיסטריקט, אין א לאקאציע אויף Manhattan Ave מיט גרינגע צוטריט צו פובליק טראנספארטאציע, העלט קעיר און קאמיוניטי פארוויילונג. איך גראטוליר די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט און Georgica Green Ventures פארן ברענגען די שותפות צום ענדע מיט די באנייאונג צערעמאניע."

**אסעמבלי מיטגלידערין מערידזשעין שימסקי האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר אז גרינבורג הט יעצט 70 איבערגעבויטע, ענערגיע-שפארזאמע יוניטס פון אפאָרדעבעל האוזינג פאר עלטערע מענטשן ביי די Manhattan Avenue Senior Apartments. און איך נעם צוריק אויף די איינוואוינער וועלכע זענען אריבערגעפירט געווארן דורכאויס די קאנסטרוקציע און האבן זיך יעצט אומגעקערט צו די היימער וואס זיי האבן ליב. די האוזינג מאכט דאס מעגליך פאר מער פון אונזערע עלטערע מענטשן צו וואוינען באקוועמערהייט און זיכערערהייט און פארבינדן צו די קאמיוניטי וואס זיי האבן געהאלפן בויען."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, דזשארדזש לאטימער, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר מיט די באנייאונג פון די Manhattan Avenue Senior Apartments אין גרינבורג, וואס וועט למעשה העלפן ערפילן א נויט פאר טייל פון אונזערע שוואכסטע איינוואוינער — אונזערע עלטערע מענטשן. ווען מיר טיילן צו באדייטנדע פינאנצירונג פר די קאנסטרוקציע פון די היימער, טוהען מיר העלפן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר פילע אין וועסטשעסטער קאונטי. פילע פון אונזערע עלטערע מענטשן לעבן אויף א קביעות'דיגע איינקונפט, און עס איז קריטיש פאר זיי צו האבן די אפציע צו וואוינען אין זיכערע און אפאָרדעבעל האוזינג. די Manhattan Avenue Senior Apartments העלפט אונז דערגרייכן די ציהל."

**פאול פיינער, גרינבורג טאון סופערוויזער, האט געזאגט,** "דאס איז א געוואלדיגע נייע צוגאב צו די טאון אָוו גרינבורג. עס וועט גיבן עלטערע מענטשן באקוועמע, ריינע און נייע הערליכע ערשטקלאסיגע אפאָרדעבעל האוזינג פון וועלכע צו געניסן. די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט האט געארבעט לאנג און שווער דאס צו ערמעגליכן. מיין איינציגסטע חרטה איז אז עס האט גענומען א לאנגע צייט צו אריבערגיין דעם באשטעטיגונג פראצעדור, אבער עס האט זיך געלוינט צוווארטן."

**ראַדזשו עיברעהעם, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט, האט געזאגט,** "Manhattan Avenue Senior Apartments איז א דערגרייכונג אין די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט'ס מיסיע צו צושטעלן בעסערע האוזינג געלעגנהייטן פאר די טאון אָוו גרינבורג קאמיוניטי".

**דעיוויד געלאָו, פרעזידענט פון Georgica Green Ventures, LLC, האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי שטאלץ צו האבן אויסדערוועהלט געווארן דורך די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט צו צושטעלן פאר עלטערע מענטשן אין די קאמיוניטי א הערליכע, זיכערע, שטאנדהאפטיגע, מאדערנע געביידע וואס איז דעזיינט אינזין האבנדיג זייערע באדערפענישן און צו צולייגן נאך 40 יוניטס פון אפאָרדעבעל האוזינג פאר עלטערע מענטשן. א דאנק פאר NYSHCR, וועסטשעסטער קאונטי און פאר די טאון אָוו גרינבורג פאר זייער שותפות און צוטרוי דורכאויס דעם פראצעדור."

**דזשעין ע. סילווערמאן, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון Chase Community Development Banking, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו שטיצן Georgica Green Ventures און די גרינבורג האוזינג אויטאריטעט מיט די דעוועלאפמענט וואס האט פרעזערווירט און געבויט גאר-נויטיגע האוזינג, נאענט צו טראנספארטאציע און וועזנטליכע סערוויסעס. איבערבויען אונזערע קאמיוניטיס דורך פראיעקטן פון די סארט פארלאנגען איבערגעגעבנקייט און צוזאמענארבעט פון רעגירונג און פריוואטע שותפים; דער פראיעקט וועט ביים ענדע טראנספארמירן די לעבנס פון פילע עלטערע מענטשן אין וועסטשעסטער קאונטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן